# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון ט׳

## עשה למען בניך

מיט עטליכע וואכן צוריק האט איר געשריבן א מורא'דיגע מעשה וועגן אידן וואס זענען געהאלפן געווארן מיט פרנסה בריווחה דורך דער סגולה פון נישט רעדן "פון אדון עולם ביז אדון עולם". וויל איך צולייגן דאס פאלגענדע בשם מיינעם א חבר, וואס האט מיר געבעטן אפצושרייבן די פאר שורות. ער האט זיך זייער געמוטשעט לעצטנס מיט אסאך פארשידענע זאכן. זיין זון האט געהאט גרויסע שוועריגקייטן צו טרעפן חברותות, און דאס האט פארשטייט זיך, געשטערט זיין הצלחה אין לערנען. זיין טאכטער האט שטארק געזוכט א דזשאב, אבער אן ערפאלג, און אזוי נאך פארשידענע ענינים, וואס מען קען נישט דא אלעס ארויסשרייבן.

ווען דער איד האט געזען די אויבנדערמאנטע מעשה געדרוקט אין "הליכות", איז ער אהיימגעקומען און געזאגט פאר זיינע קינדער: "קינדערלעך, איך זעה נישט ווי אזוי איך קען אייך העלפן מיט די אלע זאכן, אבער איין זאך נעם איך זיך פאר פאר אייער וואוילזיין: נזהר צו זיין אין קדושת בית הכנסת און נישט רעדן במשך דעם גאנצן דאווענען, און אזוי ארום וועלן אונזערע תפלות זיכער ווערן שנעלער געענטפערט."

דערציילט דער איד יעצט, א פאר וואכן שפעטער, אז פון ווען ער האט זיך געשטארקט און אויפגעהערט רעדן ביים דאווענען, זענען די אלע פראבלעמען וואונדערליך פארשוואונדן געווארן. זיין זון האט געטראפן גאר גוטע חברותות און אנגעהויבן מצליח זיין מיט זיינע לימודים, זיין טאכטער האט געטראפן גאר א פיינעם דזשאב אין אן אויסגעהאלטענער געזעלשאפט, און אזוי אויך אלע אנדערע פראבלעמען זענען געלייזט געווארן. מען האט געזען בחוש, ווי דער "מסך המבדיל" האט זיך אפגעטון, און די תפלות זענען געענטפערט געווארן.

ויה"ר שתזכו לזכות את הרבים.

ידידכם, ג.י.ש.

## כל החולים נתרפאו

איך וויל מיטטיילן א געשעעניש וואס "בדידי הוה עובדא". די מעשה האט זיך אנגעהויבן מיט בערך ניין יאר צוריק, ווען איך האב אנגעהויבן ליידן אויף שרעקליכע קאפ ווייטאגן. איך האב פרובירט די געווענליכע זאכן, נעמען טיילענאל א.ד.ג. עס אפצושטילן, אבער עס האט נישט געהאלפן קיין סאך, און דערצו האב איך אנגעהויבן זיך מוטשען זייער מיט דער ראי', רח"ל. איך האב דעמאלט געוואוינט אין ארץ ישראל, און איך האב אנגעהויבן ארומלויפן צו דאקטוירים, אבער זיי האבן נישט געקענט דערגיין די פראבלעם און מיך היילן. יעדעס מאל ווען דאס איז געקומען, בין איך אריינגעפאלן אין בעט מאכטלאז פאר עטליכע וואכן מיט געפערליכע קאפ ווייטאג. קיינער האט נישט געקענט דערגיין דעם שורש פון דער פראבלעם.

עס איז געווען באלד נאך מיין חתונה, און אזוי ווי איך בין געפארן קיין חוץ לארץ צו פראווען דעם יו"ט ביי מיין שווער, האט מיין רבי מיר מייעץ געווען אז איך זאל דארט בלייבן א שטיק צייט און זען אויב די דאקטוירים דארט קענען מיר העלפן.

איך בין געגאנגען פון דאקטער צו דאקטער, אבער זיי האבן נישט געקענט צוטרעפן די סיבה פון דער פראבלעם. מען האט מיך געשייקט אזוי ווייט ווי קיין באסטאן, אבער אויך דארט האבן די דאקטוירים נישט באוויזן צו דערגיין די סיבה פון דער מחלה וואס זאל האבן אן עפעקט סיי אויף דער ראי' און סיי גורם זיין די אומבאשרייבליכע קאפ ווייטאגן וואס האבן מיך פשוט נישט געלאזט קיין מנוחה. ספעציעל פלעגט דאס געשען אין די פארשידענע סעזאנען ווען עס זענען דא אלערגיעס, וואס סתם מענטשן מוטשען זיך דעמאלט אפט מיט רויז פיבער, און ביי מיר האט עס ממש ביטער געמאכט דאס טאג-טעגליכע לעבן.

נישט קענענדיג דערגיין דעם שורש דערפון, האבן די דאקטוירים געקענט באהאנדלען נאר די סימפטאמען, די ווייטאגן, איינגעבנדיג מיר שטארקע קארטיזאן און ענליכע מעדיצינען.

אנהייב דעם יאר, נאך ראש השנה, האט מיינער א גוטער ידיד וועלכער איז געווען באקאנט מיט מיין מצב ווי איך האב זיך געמוטשעט די אלע יארן געזאגט, אז יעצט איז דאך א צייט ווען יעדער איד איז זיך עפעס מקבל לטובה.

"מיר ווייסן דאך," זאגט ער מיר, "אז ביי מתן תורה זענען אלע חולים געווארן אויסגעהיילט. אויבנאויף מיינען דאך מענטשן אז דאס איז געווען בלויז אן איינמאליגע געלעגנהייט, אבער דער זוהר הקדוש שרייבט, אז יעדעס מאל וואס מען לייענט די תורה, דארף יעדער איינער זיך מאכן גרייט דערצו מיט אן אימה און ציטער און זיך מצייר זיין כאילו מען שטייט יעצט אויפן בארג סיני מקבל צו זיין די תורה, און מען דארף אויסהערן דאס לייענען און מען טאר נישט עפענען דאס מויל בשעת הקריאה אפילו צו רעדן דברי תורה, און אוודאי נישט חלילה עפעס אנדערש. דער זוהר הק' זאגט אויף דעם א לשון, אז עס דארף זיין ממש ווי מען האט נישט קיין מויל בכלל. און לויט ווי די ספרים זענען מבאר לויט'ן זוהר, קומען יעדעס מאל בשעת קריאת התורה ווידער אראפ אלע השפעות טובות און אלע ניסים, אזוי ווי עס איז געווען ביי מתן תורה אויפ'ן הר סיני.

"מען זעט ווי אזויפיל מענטשן נעמען גרינג דעם ענין פון נזהר זיין אין די הלכות פון קריאת התורה, וואס על-פי הלכה איז גאר הארב צו רעדן בשעת'ן לייענען, און עס איז אסור אפילו "בין גברא לגברא". און אפילו אזעלכע וואס שמועסן נישט אליין, הערן אבער נישט אויס דאס לייענען געהעריג און פארפאסן צו זיין א חלק פון די וואס שטייען אויפ"ן בארג סיני."

דער איד האט מיר נישט געדארפט קיין סאך זאגן. עס איז מיר גענוג געווען דער רמז, אז אמת, איך בין נישט אזוי שטארק נזהר אין דעם ענין, און בפרט מאנטאג און דאנערשטאג, וואס איך פלעג אסאך מאל ארויסלויפן פון בית המדרש צו דער ארבעט פאר'ן לייענען, און אזוי ארום האב איך פארפאסט די אלע השפעות וואס קומען אראפ יעדעס מאל ביים לייענען, וואס דאס איז ממש ווי קבלת התורה.

> "טייערע אידן! עס הערט זיך ווי א גוזמא, אבער ס'איז א מציאות, וואס מיינע נאנטע און גוטע פריינט וואלטן אייך אלע באשטעטיגט. פון דעמאלט אן, נאכ'ן זיך מוטשען ניין יאר, זענען שוין אריבער מער ווי זיבן חדשים וואס איך בין, ברוך ה', געזונט און שטארק,"

איך האב זיך דעמאלט פארגענומען בע"ה צו זיין זייער שטארק נזהר אין דעם ענין, און נישט נאר נישט צו רעדן חלילה בשעת'ן לייענען, נאר אויך אויסהערן דאס לייענען. און איך האב מתפלל געווען דערביי אז דער רבוש"ע זאל מיר העלפן זוכה צו זיין צו דעם "כל החולים נתרפאו", און איך זאל זיך שוין ארויסזען פון דעם ביטערן מצב.

טייערע אידן! עס הערט זיך ווי א גוזמא, אבער ס'איז א מציאות, וואס מיינע נאנטע און גוטע פריינט וואלטן אייך אלע באשטעטיגט. פון דעמאלט אן, נאכ'ן זיך מוטשען ניין יאר, זענען שוין אריבער מער ווי זיבן חדשים וואס איך בין, ברוך ה', געזונט און שטארק, איך ווייס נישט פון קיין קאפ ווייטאג און נישט פון קיין שוואכער זע-קראפט, צום וואונדער פון אלע דאקטוירים וואס פארשטייען נישט פארוואס איך קום זיי מער נישט באזוכן (און פון דעמאלט אן האב איך שוין געהערט פון אסאך אידן וואס האבן זיך פארגענומען א זהירות אין דעם ענין לזכות פון א ישועה פאר דעם און פאר יענעם און זיי האבן געזען גרויסע ישועות).

דאס איז א געוואלדיגער מוסר השכל פאר אונז אלעמען. יעדן מאנטאג און דאנערשטאג, און יעדן שבת קודש, יום טוב און ראש חודש, ווען מיר קומען אריין אין ביהמ"ד, האבן מיר די ברירה צו האבן א מעמד הר סיני און זוכה זיין צו אלע געוואלדיגע השפעות וואס זענען דעמאלט געווען.

זאל דער רבוש"ע העלפן אז אין זכות פון זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון קריאת התורה, אויסהערן דאס לייענען און נישט שמועסן בשעת הקריאה, זאלן אראפקומען אויף אונז אלעמען אלע השפעות טובות, ישועות ורפואות, פונקט ווי ביי מתן תורה.

ש.א.ב.

## א פריילעכן שהחיינו

עס איז מיר געווען א שטארקער חיזוק צו ליינען די באלערנדע מעשה וואס איר האט געשריבן דעם פארגאנגענעם יו"ט סוכות, און דעריבער וויל איך מיטטיילן דעם ציבור מיין אייגענע ישועה וואס כ'האב געזען דעם יאר.

פאראיארן, ראש השנה תשע"ו, האט איר געברענגט א לענגערע מעשה פון א איד וואס זיינע גראסערי-ארבעטער האבן אים מיאוס אויסגעשפילט מיט אלפי אלפים, און נאכ'ן זיך מקבל זיין צו זיין נזהר בקדושת ביהמ"ד האט ער געזען א ישועה גדולה.

די מעשה האט געהאט אויף מיר א געוואלדיגע השפעה, ווייל אני כשלעצמי האב זיך זייער געמוטשעט מיט פרנסה. הגם כ'האב געהאט אן אייגענעם כמו-ביזנעס און איך בין געווען גאנץ פארנומען, האב איך קוים געקענט דעקן די מינימאלע הוצאות. לייענענדיג די מעשה האב איך געקלערט צו זיך, לאמיר טון עפעס ריכטיג פאר השתדלות צו קענען מפרנס זיין די משפחה, און כ"האב זיך מקבל געווען צום נייעם יאר נישט צו רעדן "פון אדון עולם ביז אדון עולם".

ס"איז בכלל נישט געווען לייכט. הגם איך בין נישט פון די "יושבי קרנות", האב איך אבער דאך ליב צו כאפן א שמועסל דא און דארט און נישט דארפן האלטן דאס מויל פארמאכט אזוי לאנג, אבער וואס טוט מען נישט פאר פרנסה?... כ'האב זיך געהאלטן פעסט מיט דער קבלה, און בסייעתא דשמיא איז יעצט געווארן א קיילעכדיג יאר וואס כ'בין געווען נזהר בקדושת התפלה.

אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו. עטליכע חדשים צוריק, האב איך ב"ה געטראפן א נייע פרנסה און ס'איז אויך אריינגעקומען א ברכה אין דעם געלט. שוין העכער אכצן יאר זייט מיין חתונה, וואס כ"האב כסדר געדארפט בארגן אויף יו"ט צו מאכן. דעם יאר פאר סוכות איז געווען דאס ערשטע מאל וואס כ"האב געקענט צוגיין צום יו"ט מיט הרחבת הדעת, און כ"האב געקענט פראווען דעם חודש תשרי אן קיינע דאגות פון "כסף מנלן"?

הושענא רבה צופרי ביים קויפן די "הושענות", האב איך ארויסגענומען מיין לעצטן באנקנאט פון בערזל און ס'האט זיך מיר פשוט געוואלט מאכן א פריילעכן "שהחיינו", אז אלעס ביז אהער איז געווען פון ערליך-פארדינטע געלט.

אבער דאס איז נאר דער "מתן שכר בצדה". מיין אמת'ע באלוינונג איז דאס געפיל וואס כ'האב באקומען צום דאוונען, ווייל ביז היינט פלעג איך אנקומען אביסל שפעטליך, אבער נאכ'ן זיך מקבל זיין דאס אויבנדערמאנטע, האב איך אנגעהויבן קומען פריער און פריער. און אז מ'קען נישט שמועסן מוזמען אנהייבן דאוונען. און ב"ה, "הבא ליטהר מסייעין אותו". דאס שבת'דיגע דאווענען האט באקומען ביי מיר א נייע צורה, איך שפיר ממש א געשמאק דערין. כ"האב שוין נישט קיין איבעריג צייט, און גלייכצייטיג האבן מיינע קינדער אנגעהויבן דאווענען אסאך בעסער.

איך ווינטש אלע ליינער זוכה צו זיין צו דעם "קרבת אלקים לי טוב"

בברכה והצלחה לזכות את ישראל, י. י. ק.

(מתוך הגליון הליכות החיים - ונעתק ברשות המערכת)


בס"ד

שיקט א קוויטל צום תוס' יו"ט
און זעט ישועות!

א שליח מיוחד פארט ארויס
פון "ניו יארק" קיין קראקא
צום ציון פון תוס' יו"ט

און וועט זיין דארט ביום היארצייט ו' אלול הבעל"ט
און זאגן דער "מי שברך" פאר אלע וואס זענען מקבל
קבלת טובות בקדושת בית המדרש.

און וועט אויך מיטנעמען די קוויטלך צו רבי שמעון
אין מירון און רבי אלימלך מליזענסק זצוק"ל.

צו שרייבן א "שטר קבלה" שיקט צו:
Fax number (718) 504-7120
Email address kviteltyt@gmail.com

### שטר קבלה

קוויטעל לתוספות יו"ט

הריני מקבל עלי בלי נדר קבלות טובות
בעניני תפלה וקדושת ביהמ"ד:

**קדושת ביהמ"ד - בימות החול**
○ שלא לדבר משעת התחלת "ברכות" עד אחד "עלינו".
○ שלא להתפלל עם סעלפאן פתוח (אף ווייבערעט).
○ שלא להכניס סעלפאן בשעת התפלה.

**זמן קרי"ש ותפלה**
○ זהירות יתירה לקרוא קרי"ש בזמנה.
○ זהירות להתפלל שחרית לפני סוף "זמן תפלה".

**קדושת ביהמ"ד - בשבת קודש**
○ שלא לדבר משעת התחלת "הודו".
○ שלא לדבר בשעת חזרת הש"ץ, קדיש, וקריאת התורה (אפילו בין גברא לגברא).
○ שלא לעיין בגליונות בשעת חזרת הש"ץ, קדיש וקדושה.

הרינו מקבל קבלות אלו לעשות נחת לבורא יתברך שמו
○ עד________ ○ עד ממחרת יוהכ"פ הבעל"ט ○ עד זאת חנוכה הבעל"ט

הריני מבקש מרבינו מרן התוס' יו"ט לעורר רחמים בשמים, שבזכות הקבלה טובה ובכח הרבים, אזכה אני ובני ביתי לפרנסה בריוח, לנחת דקדושה מיוצאי חלצי, לבריות הגוף והנפש, ואבקש בפרטיות:

______________________________

מי שברך אבותינו, אברהם יצחק ויעקב, משה ואהרן, דוד ושלמה, הוא יברך את כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפלה וקריאת התורה, הקדוש ברוך הוא ישמרהו מכל צרה וצוקה מכל נגע ומחלה, ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בספר תורת משה רבינו ובכל ספרי הנביאים והכתובים, ויזכה לראות בנים חיים וקימים ויגדלם לתורה ולחפה ולמעשים טובים, ויעבוד את ה' אלקינו תמיד באמת ובתמים ונאמר אמן.

חתימה ____________________

אידן זעהן ישועות חוץ לדרך הטבע
בזכות שתיקה יפה בשעת התפלה!

שיקט אייער "שטר קבלה" און קוויטל צו:
Fax : (718) 504-7120 Email: kviteltyt@gmail.com